# **פרשת צו ז׳ – י״ג אדר ב׳ תשע״ד לפ״ק**

***יום ראשון פרשת צו***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט״א** בהלויה של הר״ר **ברוך בראדי** ע״ה, שהתקיים לפני בית מדרשנו בוויליאמסבורג. **רבינו שליט״א** נשא דברי הספד.

***וזה תוכן ההספד***

**מיר** האבן די וואך אין די פרשה, זאת תורת העולה, הוא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה עד הבוקר, ואש המזבח תוקד בו (ויקרא ו-ב). די מצוה איז געווען, אז ווען מען האט געברענגט א קרבן עולה, האט מען עס פארברענט אויפן מזבח. און אויפן מזבח איז געווען א שטענדיקע פייער, וואס האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלאשן. אין ירושלמי (יומא ד-ו) שטייט, אש תמיד תוקד על המזבח, אפילו במסעות. אפילו ווען מען האט געטראגן די מזבח פון איין מקום צום אנדערן מקום, איז דער פייער געבליבן ברענען אויפן מזבח. מען האט עס קיינמאל נישט אראפגענומען.

**אין** די הייליגע ספרים שטייט, אז עס איז א רמז, אויף די הארץ פון א יוד, וואס איז א מזבח. און דארט דארף זיך א יוד מקריב זיין פארן אייבערשטען. אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה, עס דארף שטענדיג ברענען אינעם הארץ פון א יוד, א פייער פארן באשעפער, און עס טאר קיינמאל נישט פארלאשן ווערן. עס איז דא צייטן ווען א מענטש וואוינט ביי זיך אינדערהיים, עס איז רואיגע זמנים, און ער קען דינען דעם אייבערשטען מיט א רואיגקייט, עס פעלט אים גארנישט. ער האט פרנסה, ער האט א דירה, און ער האט א סביבה פון ערליכע יודען, און מען פירט זיך אויף ערליך. עס ברענט א פייער פארן אייבערשטען, און עס ווערט נישט פארלאשן.

**עס** איז אבער אמאל דא צייטן, וואס א יוד גייט אדורך שווערע זמנים. ער איז נישט אין שטוב, ער איז פארווארפען, ער קומט אן אויף פארשידענע מקומות, פארשידענע גזירות גייען אדורך אויף כלל ישראל, און מען דארף גיין פון איין מקום צום אנדערן מקום. און פון דעסטוועגן דאך איז די מצוה, אז א יוד טאר זיך נישט פארלירן, און דער פייער אין זיין הארץ, דארף ווייטער ברענען. אפילו במסעות, אפילו ווען מען איז נישט אינדערהיים, אפילו ווען מען איז אונטערוועגנס, ער פארט פון איין מקום צום אנדערען מקום, פונדעסטוועגן דאך דארף מען געדענקן, אז אש תמיד תוקד על המזבח, דער אש דארף שטענדיג ברענען, און לא תכבה, עס זאל נישט פארלאשען ווערן.

**אלע** האבן געקענט רבי ברוך ע״ה, וואס פאר א חשובער יוד ער איז געווען. א פארצייטישער יוד, א אפגעהיטענער יוד, מען האט שוין פריער ארויסגעברענגט, אלעס וואס ער איז אדורך געגאנגען, מיט די אלע יודען וואס האבען מיטגעמאכט די מלחמה, און זענען געבליבען ערליך, מיט אזופיל מסירת נפש. אין אלע מסעות ווי מען איז פארווארפען געווארן, איז שטענדיג געבליבן אין הארץ, דער אש קודש. און נישט נאר פאר זיך אליין האט ער געדינט דעם אייבערשטען, נאר ער האט אויפגעשטעלט אזעלכע שיינע שטובער, קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים און יראי ה׳. דער אש איז אייביג געבליבען ברענען אויפן מזבח, און עס איז קינמאל נישט פארלאשן געווארן.

**רבי** ברוך ע״ה פלעגט שטענדיג נאכצוזאגען פונעם **סאטמארער רב זי״ע**, אז ווען א יוד קומט אריין אין שול, און ער הייבט זיך אויף די האנט צו לייגען תפילין, און מען זעהט וואס איז אויסגעקריצט אויף די האנט, דארף מען וויסען, אז פאר אזא יוד קען מען געבן א קוויטל. אז מען האט זיך געקענט האלטען מיט אזויפיל נסיונות וואס מען איז אדורך געגאנגען, און מען קומט אין בית המדרש דאווענען, ווייזט עס אויף די גרויסקייט וואס ער האט. ב״ה מען לעבט היינט אין א דור, וואס מען האט די מעגליכקייט, און עס איז גרינג צו זיין א יוד. מען האט נישט די שוועריקייט, און די נסיונות וואס די פריערדיגע יודען האבן געהאט. אבער דער וואס קען די פריערדיגע דור, ווי אזוי די יונגע בחורים האבען אויסגעקוקט ביי די מלחמה. מען איז פארווארפען געווארן, און מען האט פארלוירן עלטערן און געשוויסטער, און די גאנצע משפחה ארום און ארום, און מען האט זיך געוואלגערט פון

איין מקום צום אנדערן, דארט איז א חידוש דער אש תמיד תוקד על המזבח. אז מען איז געבליבן מיטן זעלבען אש קודש, מיטן זעלבען ברען, מיטן זעלבן פייער, און עס האט זיך נישט פארלאשן.

**ביותר** צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס (רש"י שם), שטייט אין די הייליגע ספרים, אז א יעדע אבר האט א כיס וואס טוט דאס פארדעקן. די אויגן האבען א כיס, אז מען קען פארמאכן די אויגן. די אויערן האבען א כיס, אז מען קען פארמאכען די אויער מיט די אליה. די מויל קען מען פארמאכן מיט די ליפן. אבער די הארץ האט א חסרון כיס. עס האט נישט מיט וואס מען זאל עס קענען פארדעקן. די מחשבה פון א מענטש, איז שטענדיג פריי און אפען. און פון דעסטוועגן דאך, האלט זיך א יוד ערנסט, איז דאס א געוואלדיגע זכות, און געוואלדיגע גרויסקייט, אז מען קען צוקומען צו די מדרגה. זיך צו האלטן ערליך, און קיינמאל נישט האבען א הרהור ח"ו אויפן אייבערשטען.

**רבי** ברוך ע"ה האט אסאך אויפגעטון אין זיין לעבן. ער האט אסאך געטון פאר דעם וואס עס איז היינט ב"ה איינגעפירט געווארן חתונה תקנות. עס איז אסאך צו פארדאנקען פאר די כוחות וואס ר' ברוך ע"ה האט אין דעם געטון. וואס ער איז ארומגעגאנגען פון איין רב צום אנדערן, און גערעדט וועגן דעם, וואס מען געבט אויס אזויפיל געלט אויף די שמחות, אז מען דארף זעהן עס מצמצם צו זיין.

**דער** אייבערשטער האט אים געגעבן די זכיה, אז ער האט איבערגעלאזט א שטוב פון תלמידי חכמים. אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות (רש"י שם), עס איז נישט גענוג וואס מען האט זירוז פאר זיך אליין. די עבודה פון א יוד איז, איבערצולאזן ערליכע יודישע דורות, און מחנך זיין די קינדער פאר תלמידי חכמים און יראי ה'. רבי ברוך ע"ה האט איבערגעלאזט קינדער תלמידי חכמים און אייניקלעך תלמידי חכמים, וואס איז זיכער א נחת רוח פאר אים ווען ער קומט ארויף אויבן. נאך אזא שווערע ארבעט וואס ער איז אדורכגעגאנגען אויף דעם עולם, לאזט ער איבער אזעלכע שיינע יודישע דורות. זאל ער זיין א מליץ יושר פאר די משפחה.

אין נאמען פון אונזער קהלה, וויל איך אים מפייס זיין, טאמער מען האט זיך אמאל נישט נוהג געווען מיטן ריכטיגען כבוד, וואס איז זיך אים געקומען. און ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע. ובלע המות לנצח, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** בעצרת תפלה לבטל הגזירה של גיוס בני ישיבות בארה"ק, שהתקיים במאנהעטן.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** בהפדיון הבן של בן הר"ר **יעקב סאמפאלינסקי** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם בית רחל.

לעת ערב, התקבצו קהל רב שמלאו את הבית המדרש על כל גדותיו, שבאו לשמוע את דבר ה' – **דרשת ז' אדר** מאת **רבינו שליט"א**. בשלחן המזרח פיארו, הרבנים הגאונים **דייני קהלתינו הק'** שליט"א, הגה"צ **אב"ד שומרי שבת** שליט"א (ב"פ), הגה"צ **רבי אלטר ראזענבוים שליט"א** האדמו"ר מנדבורנא (וומסב"ג), **האדמו"ר מקולבאסוב שליט"א** (וומסב"ג), הרה"ג **רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה (ב"פ), הרה"ג **רבי דוד סופר שליט"א** אב"ד פאקש (וומסב"ג), הרה"ג **רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי), הרה"ג **רבי אשר אנשיל אשכנזי שליט"א** אב"ד חוות דעת סי-געיט (וומסב"ג), הרה"ג **רבי חיים יוסף פריעדמאן שליט"א** אב"ד ברעזאן (ב"פ), הרה"ג **רבי צבי פריעדמאן שליט"א** אב"ד סעליש (וומסב"ג), הרה"ג **רבי אפרים צבי ראזענבערג שליט"א** דומ"ץ ויזניץ (וומסב"ג).

אחר תפלת מנחה התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, ועלה לפני הארון קודש, ודרש כמשך שלוש שעות. לאחר הדרוש בעניני הילולא דמשה רעיא מהימנא, הספיד את הרבנים הגאונים שנסתלקו בשנה העבר, ומהם: הגה"צ **רבי משה יאזעפאוויטש** זצ"ל, הגה"צ **רבי אברהם חיים שפיצער** זצ"ל, הגה"צ **רבי שמואל שמעלקא רובין** זצ"ל האדמו"ר מסוליצא (פאר ראקעוועי), הגה"צ **רבי אליעזר עהרנרייך** זצ"ל אב"ד מאד, הגה"צ **רבי משולם פייש ראטענבערג** זצ"ל האדמו"ר מקאסאני, הגה"צ **רבי יהושע האראוויץ** זצ"ל האדמו"ר מדזשיקוב, ועוד.

אחר אמירת א-ל מלא רחמים, השמיע **רבינו שליט"א** דברי מוסר והתעוררות בענינים העומדים על הפרק, ומהם: **להתדבק ולהכניע לתלמידי חכמים • להרבות ולהפציר בעצמו בתפלה עליו ועל דורותיו • גודל חורבן האינטערנעט וגדרים בזה • השתמשות בכלי הטעכנעלאגיע • חיזוק בתורה, חינוך הבנים, ושבת קודש • להתחזק בגדרי צניעות • ובענין הישיבות למצויינים שנתרבו בזמנינו.**

לאחר תפלת מעריב התקיים מסיבת לחיים, **ורבינו שליט"א** חילק מזונות לכל הקהל.

אחר הדרשה השתתף **רבינו שליט"א** בהחתונה של בן הר"ר **אברהם שלום בראך** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **מדרכי לייב לאנדא** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן ועם המחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שני פרשת צו***

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואד להשתתף בהחתונה של בת הר"ר **שמואל מאיר פשערהאפער** הי"ו (לעיקוואד), עב"ג בן הר"ר **נפתלי זארגער** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם נעימת החיים. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן ועם המחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת צו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר השיעור במשנה ברורה מסר **רבינו שליט"א** לתלמידי הישיבה, דברי הדרכה לימי הפורים.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בהבר מצוה של בן הר"ר **ברוך מרדכי רייך** הי"ו, שהתקיים באולם סעליש. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה***

**מען** מאכט א סעודה בשעת א קינד גייט אריין לעול המצות, און עס האט א רמז די וואך אין די פרשה. די תורה רעכנט אויס די קרבנות, וואס מען האט מקריב געווען אין די משכן, און שפעטער אין בית המקדש. און די תורה (ויקרא ו-יג) זאגט, אז א יעדע כהן, בשעת ער איז אריינגעקומען די ערשטע מאל צו טון די עבודה אין בית המקדש, האט ער געברענגט א קרבן מנחה. און די מנחה האט געהייסען א מנחת חינוך, א מנחה אויף דעם וואס ער איז נתחנך געווארן צו טון די עבודה אין בית המקדש.

**עס** איז אמאל דא, וואס די עבודת ה' קומט אן פאר א מענטש אזוי ווי א עול. ער איז א יוד, ער דארף אוועקרייסען צייט צו דאווענען, ער דארף אוועקגעבן צייט אויף תורה, ער דארף אוועקגעבן געלט פאר צדקה. ער האט נישט קיין ברירה, ער איז דאך א יוד, און ער דארף מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטען. און ער טוט עס אן א שמחה, און אן א חיות, און אן א פרייד, אז ער קען טון די עבודה פארן אייבערשטען. אמאל איז אבער דא א מענטש, וואס פארשטייט אז די תכלית פונעם לעבן איז נישט קיין חיי עולם הזה, די גאנצע לעבן איז נאר צו דינען דעם אייבערשטען. און ער דאנק דעם באשעפער, אז ער האט די מעגליכקייט, אז ער קען טון א נחת רוח פארן רבונו של עולם, און טון די מצות וואס מען דארף מקיים זיין.

**יודען** האבן מקבל געווען די תורה, אבער עס איז געווען בכפיה, כפה עליהם הר כגיגית (שבת פח.), מען האט זיי געדארפט צווינגען מקבל צו זיין די תורה. עס איז געווען א עול, און נישט יעדער איז געווען גרייט עס מקבל צו זיין. די זעלבע תורה האט מען שפעטער מקבל געווען אין פורים מתוך אהבה, קימו וקבלו היהודים (אסתר ט-כז), קיימו מה שקבלו כבר (שבת שם). די זעלבע זאך קען א יוד טון געצווינגענערהייט, און ער קען עס טון מתוך אהבה צום אייבערשטען.

**א** כהן ווערט נתחנך צו טון די עבודה אין בית המקדש, אמאל איז עס א עול. עס איז זיין משמר, און ער דארף איבערלאזן די שטוב פאר א גאנצע וואך, און ארויפגיין טון די עבודה. ער דארף צושפארן זיין געשעפט אויף די וואך, און ארויפגיין טון זיין עבודה, וואס געהערט פאר די משמר. און אמאל פרייט ער זיך, אז ער קען זיך אוועקרייסען א גאנצע וואך פון זיינע געשעפטען, און ער קען

אריינקומען אין בית המקדש, און טון דעם שירות פארן רבונו של עולם. עס איז ביי אים א שמחה.

**ווען** דער כהן איז אריינגעקומען טון די עבודה די ערשטע מאל, האט ער געברענגט א מנחה פארן אייבערשטען. איך דאנק דעם רבונו של עולם אז איך בין א כהן, און איך האב די געלעגנהייט אז איך קען טון דעם שירות פארן באשעפער. עס איז אים נישט א עול, ווייל אויף א עול געבט מען נישט א דאנק. א דאנק געבט מען נאר, אויף א זאך וואס א מענטש איז צופרידען אז ער האט עס באקומען. האט א יעדע כהן מקריב געווען א מנחת חינוך, בשעת ער איז אריינגעגאנגען טון די עבודה.

**אבער** עס איז דא א העכערע מדרגה פון דעם. דער כהן גדול האט מקריב געווען יעדן טאג א מנחת חביתין. האלב האט ער מקריב געווען צופרי, ביים תמיד של שחר, און האלב האט ער מקריב געווען ביים תמיד של בין הערבים. וואס איז דער ענין, אז דער כהן גדול האט געברענגט א מנחה יעדן טאג. שטייט אין הייליגע ספרים, אז אין עבודת ה' אליין, איז אויך דא מדריגות. א יוד דארף יעדן טאג שטייגען צו א פרישע מדרגה, וואס ער איז נישט געווען נעכטען. זיין עבודת ה' פון נעכטען, דארף ביי אים אויסקוקען, כאילו ער האט נאכנישט געדינט דעם אייבערשטען אויפן ריכטיגען וועג. היינט איז ער געקומען צו א גרעסערע השגה. היינט פארשטייט ער מער. היינט פארשטייט ער בעסער. און זיין עבודה היינט, איז נישט בערך צו די עבודה פון נעכטען.

דער כהן גדול האט יעדן טאג געברענגט א מנחת חינוך, ווייל די מנחת חינוך וואס ער האט נעכטען געברענגט אויף זיין אריינקומען צו טון די עבודה, איז נישט פאר די עבודה פון היינט. ער ווערט יעדן טאג מער נתעלה, און היינט קומט ער צו, צו א פרישע עבודה, וואס ער האט נישט געטון ביז היינט, און צו די עבודה איז ער נאכנישט נתחנך געווארן. און יעדן טאג, פון צופרי ביז נאכמיטאג, טוישט זיך אויך דער כהן. דאס וואס ער טוט נאכמיטאג, איז ביי אים א נייע עבודה פון וואס ער האט געטון צופרי. אזוי איז ער נתעלה געווארן. האט א כהן גדול גאדארפט ברענגען א מנחת חינוך צוויי מאל א טאג. ווייל ער ווערט יעדן טאג נתחנך, פאר א פרישע עבודה, און פאר א פרישע מדרגה וואס ער האט נישט גהאאט ביז יעצט.

**א** כהן הדיוט האט נאר מקריב געווען א מנחת חינוך איינמאל, ווען ער איז געווארן א כהן. און נאכדעם גייט זיין עבודה רעגעלמעסיג. יעדן טאג טוט ער איבער די זעלבע וואס ער האט געטון נעכטען. אבער דער כהן גדול טוט נישט איבער, דאס וואס ער האט געטון נעכטען. נאר א יעדע טאג איז ביי אים א נייע עבודה, וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געטון. און ער ברענגט יעדן טאג, א מנחה צופרי, און א מנחה נאכמיטאג, און ער דאנקט דעם רבונו של עולם, אויף די נייע השגה וואס ער האט באקומען. אז ער קען דינען דעם אייבערשטען, אויף א אנדערע אופן פון וואס ער האט געדינט ביז יעצט.

**און** דאס איז די שמחה וואס מען מאכט ביי א בר מצוה. צו ווייזען אז ווען מען גייט אריין לעול המצות, איז עס נישט א עול, נאר א שמחה. מען ברענגט א מנחה פארן רבונו של עולם, מען רופט צוזאם די גוטע פריינד, זיך צו פרייען מיט די זכיה וואס ער האט, אז ער גייט אריין לעול המצות. זאל דער אייבערשטער געבן, אז דער בר מצוה בחור זאל נישט נאר יעצט ברענגען א קרבן מנחה, נאר ער זאל קענען ברענגען א מנחת חביתין, ער זאל נאך זיין בר מצוה, קענען נתעלה ווערן טאג נאך טאג, כאילו ער הייבט אן א נייע עבודה, וואס ער האט ביז יעצט נישט געהאט.

*

***<u>יום רביעי פרשת צו</u>***

אחר תפלת שחרית השתתף רבינו שליט"א בהברית של בן הר"ר **יצחק אייזיק אלטמאן** הי"ו (בן הר"ר **חיים אלטמאן** הי"ו, וומסב"ג), שהתקיים בבית חמיו (הר"ר **הערש לייב ראזענבערג** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** בהחופה של בן הר"ר **אליעזר פנחס סופר** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **משה אהרן מאשקאוויטש** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **שמואל ליכטענשטיין** הי"ו (ב"פ), שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף בהבר מצוה של בן הר"ר **אברהם יעקב** (אבי) **שטערן** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם פערעדייס מענאר.

*

***יום חמישי פרשת צו – תענית אסתר***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **אברהם יעקב שטערן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שישי פרשת צו***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יצחק דוד נאה** הי"ו (בן הר"ר מרדכי נאה הי"ו, וומסב"ג) בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה***

**מען** שטייט יעצט נאנט צו די טעג פון פורים, מען זאגט אין די מגילה, ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר (אסתר ח-טז). די גמרא (מגילה טז:) זאגט, אז די פשט איז נישט כפשוטו, אז עס איז געווארן ליכטיג, און עס איז געווארן א שמחה, און א פרייליכקייט. נאר אורה זו תורה, שמחה זו יום טוב, ששון זו מילה, ויקר זו תפילין. און ווי רש"י טייטשט, אז המן האט גוזר געווען גזירות אויף די מצות פון די תורה, און ווען עס איז געווארן די ישועה פאר יודען, זענען נתבטל געווארן די גזירות. ליהודים היתה אורה, זו תורה, ער האט גוזר געווען אז מען זאל נישט לערנען קיין תורה, און ווען עס איז געווארן די ישועה, האט מען געקענט לערנען תורה. ששון זו מילה, ער האט געוואלט מבטל זיין מצות מילה, און יעצט האט מען געקענט מקיים זיין מצות מילה, רופט ער עס אן ששון.

**עס** שטייט פונעם **שפת אמת**, אז ער האט זיך געשטעלט, אויב דער פסוק וויל זאגן, אז די יודען האבן געקענט מקיים זיין די אלע מצות וואס איז מרומז אינעם פסוק. זאל שטיין פשוט, ליהודים היתה תורה ויום טוב ומילה ותפילין. פארוואס שטייט עס נאר מיט א לשון פון אורה ושמחה וששון ויקר, און מען דרשנ'ט, אז דער פשט דערפון איז, אז מען האט געקענט מקיים זיין די מצות.

**זאגט** דער **שפת אמת**, אז די יודען האבן געהאט די תורה פארדעם אויך, און אלע מצות האבן זיי ביז דעמאלטס אויך מקיים געווען, אבער עס איז געווען מיט א שיעבוד, כפה עליהם הר כגיגית (שבת פח.), אזוי האט מען מקבל געווען די תורה. עס האט געפעלט די חשיבות צו וויסען, אז די עיקר ליכטיגקייט פון א יוד איז, ווען מען לערנט תורה. און די עיקר שמחה דארף צון זיין א יום טוב, און מצות מילה איז א ששון, און די תפילין איז א כבוד, די חלק האט געפעלט. אבער די מצות בעצם האבן יודען מקיים געווען, אפילו ווען עס איז געווען כפה עליהם הר כגיגית. יעצט ווען די יודען האבן מקבל געווען די תורה מחדש, און זיי האבן עס מקבל געווען מיט א אהבה, מיט א ליבשאפט, איז ליהודים היתה אורה זו תורה, איז די תורה געווארן א אורה. עס איז געווארן א ליכטיגקייט. און די מילה איז מער נישט א עול, אז מען דארף מל'ן א קינד. נאר עס איז א ששון, אז מען מל'ט א קינד. און עס איז א יקר און א כבוד, אז מען טוט אן די תפילין. ברענגט מען ארויס די חלק, אז נישט מען האט געקענט בעצם מקיים זיין די מצות, נאר עס ליגט אין די ווערטער די חשיבות וואס די מצוה האט ביי א יוד.

**עס** קען זיין אויף נאך א אופן. אפילו המן האט מבטל געווען די מצוה פון מילה, ער האט נישט געלאזט אז מען זאל מל'ן א קינד. אבער אוודאי האבן יודען ווייטער מקיים געווען די מצוה. יודען האבן געהאט מסירת נפש אויף אלע מצות פון די תורה, און אוודאי ווען מען רעדט פון די מצוה פון מילה, וואס איז עיקר קדושתן של ישראל. מען געפונט די לשון אין מדרש (מכילתא פ' יתרו), אז מען האט אים געפרעגט, מפני מה אתה הולך ליהרג, פארוואס נעמט מען דיר ארויס צו געהארגעט ווערן, מפני שמלתי את בני, ווייל איך האב געמל'ט מיין קינד. זעהט מען, אז מען האט געמל'ט די

קינדער מיט מסירת נפש. אבער ווען עס איז דא א גזירה, אז מען טאר נישט מל'ן די קינדער, מל'ט מען דאס קינד באהאלטערנערהייט, אז קיינער זאל נישט וויסען דערפון. און מען קען נישט מאכען א סעודה, און די עלטערן אליין זענען צוגעלייגט, ווער ווייסט וואס עס וועט זיין די תוצאות פון דעם וואס מען האט אים געמל'ט. יודען האבען ביז דעמאלטס אויך מקיים געווען מצות מילה, עס איז נישט געווארן, ליהודים היתה מילה, אז מען קען יעצט מקיים זיין מצות מילה. ווייל מען האט ביז יעצט אויך מקיים געווען די מצוה פון מילה. אבער די 'ששון' פון מילה האט געפעלט. עס האט געפעלט די שמחה פון מצות מילה, ווייל עס איז געווען אונטער א גזירה, אז מען טאר עס נישט מקיים זיין. און מען האט נישט געוויסט, וואס עס וועט זיין די תוצאות דערפון, און מען האט נישט געקענט מאכען א סעודה און א פירסום, ווייל מען האט עס געטון באהאלטערנערהייט. אבער ווען די גזירה איז בטל געווארן, דעמאלטס איז געווען ליהודים היתה אורה ושמחה וששון זו מילה, אז מען האט געקענט מקיים זיין די מצוה פון מילה מיט א ששון.

*

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרב **יצחק יונה בראדי** שליט"א, שישב שבעה על פטירת אביו הר"ר **ברוך בראדי** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה***

**רבינו:** דור הולך ודור בא. דאס מסירת נפש וואס די פאריגע דור האט געהאט, איז נישט צו באגרייפן.

**הר"ר יצחק יונה:** מיין טאטע האט געהאט א ביזנעס, און די גוישע ארבייטערס האבן אים געקויפט א מתנה, א טייערע ראדיא, אריינגעבויט אין א פורניטשער שטיקל. און מיין טאטע האט עס אהיימגעברענגט, און ער האט צוזאמגערופן אלע קינדער, און ער האט זיי געזאגט, אז נאך די חתונה האט מען גערעדט, צו מען זאל יא האבען ראדיא אדער נישט. עס איז געווען דעמאלטס זייער נפוץ. האט ער געזאגט, אז ער גייט פרעגן **רבי יונתן**, און וואס **רבי יונתן** וועט זאגן, וועט מען טון. און **רבי יונתן** האט געזאגט, אז מען טאר נישט האבען קיין ראדיא אין שטוב. האט ער געזאגט פאר די קינדער, אפילו מען האט מיר געקויפט, טאר מען עס נישט האבען. און ער האט געגומען א האמער, און ער האט עס צובראכען, און ארויסגעווארפען. אז די קינדער זאלן זעהן, אז אויב די רב זאגט אז מען טאר נישט, איז עס נישטא.

**רבינו:** מיר האבען אפילו נישט די השגה, וואס דאס מיינט. אין יענע צייטן, אז מען האט נישט געהאט קיין ראדיא, איז מען געווען אויסגעשאלטערט פון די וועלט. מען האט נישט געהאט קיין היימישע צייטונגען, און מען האט נישט געקענט קיין ענגליש, און די ביסל נייעס וואס מען האט געהערט, איז געווען די האלבע שעה אדער שעה, וואס איז געווען די יודישע ראדיא. דאס איז געווען די גאנצע נייעס וואס מען האט געוואוסט, פון ארץ ישראל אדער פון ערגעץ אנדערש. אז נישט, האט מען געדארפט קויפן די יודישע צייטונגען, וואס איז נישט געווען קיין סך בעסער פון די ראדיא.

**הר"ר יצחק יונה:** יעדע קלייניגקייט וואס מען האט געזאגט, האט ער געפאלגט. עס איז געווען ביי אים זייער הארב, אז מען זאל נישט רעדן ענגליש אינדערהיים שבת. אפילו די מיידלעך וואס האבען געדארפט אמאל חזר'ן פאר סקול, האט ער שבת נישט געלאזט עפענען קיין ענגלישע ביכער.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל האט געלערנט ביים **גאלאנטער רב**, איין און א האלב זמן. פון אנפאנג ווינטער ביז חודש סיון. און פון די איינע זמן וואס ער האט געלערנט ביים **גאלאנטער רב** האט ער אייביג גערעדט. עס איז אים געלעגן אין די ביינער. און ער האט דערציילט, אז ער איז אמאל געווען ביים טיש, און דער **גאלאנטער רב** האט געמאכט קידוש, און נאכדעם איז ער געגאנגען צום עק פון שטוב, זיך צו וואשן. אינמיטן גיין, האט ער געהערט ווי צוויי בחורים רעדן אונגאריש. האט ער געגעבן א קלאפ מיט די צוויי הענט, אונגאריש צו רעדן אין שבת?! עס איז חשובער אויסצושניידן די צונג, ווי צו רעדן אונגאריש אין שבת. און עס איז אים אזוי אריין אין די ביינער.

**א' המנחמים:** איך האב געזעהן א צעטל וואס איז געהאנגען, אז **רבי יונתן** האט געזאגט, אז ווער עס וועט נישט האבען קיין ראדיא, וועט האבען פיינע קינדער.

**רבינו:** אז א מענטש טוט וואס ער קען, איז דא א ברכה. ער איז געווען לעצטענס פארנומען, פארוואס מען זאגט ברוך הוא וברוך שמו ביים דוכענען.

**הר"ר יצחק יונה:** ער האט געהאט א ליטווישע ספר אויף שמונה עשרה, און דארט האט ער געזען, אז מען טאר נישט. איך מיין אז אין די ליטא זאגט מען נישט. אבער אין **פרי חדש** (סימן קכ"ח אות י"ג) שטייט אז מען מעג זאגן.

**רבינו:** איך האב געמיינט אז ער האט געדענקט פון ווין, אז מען פלעגט נישט זאגן.

**א' המנחמים:** רבי יצחק פריעדמאן זאגט א שיעור יעדן זונטאג, און ער האט אפאר יאר צוריק געזאגט, אז ביי אונז אין שול, פלעגט מען נישט זאגן ברוך הוא וברוך שמו ביים דוכענען. און בכלל האט ער געברענגט פון אסאך ראשונים, אז ברוך הוא וברוך שמו ווערט נישט דערמאנט אין די גמרא, איז ווי וויינגער מען זאגט עס אינמיטן דאווענען, איז אלץ בעסער, ווייל עס קען אמאל זיין א הפסק.

**רבינו:** עס איז דא אין די פוסקים וואס שרייבען אז מען זאל יא זאגן ברוך הוא וברוך שמו, אויף א יעדע שם וואס מען הערט (עיין בכף החיים סימן קכ"ח ס"ק פ"ז). רבי יצחק דאנאטה ע"ה פלעגט צו זאגן, אז אין פרעשבורג האט מען נישט געזאגט ברוך הוא וברוך שמו, ווען מען האט געזאגט דעם שם, נאר נאכדעם וואס מען האט געזאגט מלך העולם. איך האב נישט געהערט אז מען זאל זיך אזוי פירן.

**הר"ר יצחק יונה:** מיין טאטע האט געלערנט אינדערהיים אין נייטרא. ביים קריג האט מען פארשפארט די גרעניצן, און די גאלאנטע בחורים האבן נישט געקענט צוריקגיין קיין גאלאנטע. זענען א קבוצה פון בחורים געקומען קיין נייטרא לערנען. און זיי האבען געפראוועט די שבתים נוסח גאלאנטא, דער שבת איז געווען זייער דערהויבן ביים **גאלאנטא רב**. די בחורים וואס האבן געלערנט ביי אים, האבן זייער געקאכט אין אים. מיין טאטע האט געזאגט, אז א בחור וואס האט צוגעזען די עבודה פון מיין רבי, אפילו ווען ער איז אדורכגעגאנגען די שווערע צייטן אין די קריג, האט ער נישט געקענט ארויסגיין לתרבות רעה. עס איז זיי געבליבן אין די ביינער.

**רבינו:** אין יענע מקומות פלעגט מען צו זאגן תיקון חצות אין די דריי וואכן, און דער **נייטרא רב** פלעגט אויך צו זאגן תיקון חצות מיט די בחורים אין ישיבה. און ער האט געהאט א תלמיד דער **קירכדארפער רב**, און ער איז אמאל געקומען באזוכן זיין רבי אין די דריי וואכן, און מען האט געהאלטן אינמיטן תיקון חצות. און ער האט געהערט אינדרויסן, ווי אזוי ער זאגט תיקון חצות מיט אזעלכע בכיות, האט ער געזאגט, ער קען זיך נישט פארשטעלן, אז עס זאל יעצט קומען א טעלעגראם פון ארץ ישראל, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן, אז מען זאל קענען מער מקונן זיין, פון וואס די רבי איז יעצט מקונן. אמאליגע יודען.

*

כמו כן הלך רבינו שליט"א לניחום אבלים אצל הר"ר **פישל בנציון שאפער** הי"ו (וומסב"ג), שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

משם הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם סג"ל גאטליעב** ע"ה (ירושלים, בן הגה"צ אב"ד מישקאלץ זצ"ל, וומסב"ג).

*

***<u>שבת קודש פרשת צו</u>***

לאחר התפלה ניגשו כמה אברכים ושאלו את **רבינו שליט"א** כיצד מברכים הבנים בליל שבת. **ורבינו שליט"א** ענה, שמניחים שתי הידים על הראש, ובתחלה נותנים ברכה להקב"ה (**רבינו שליט"א** אומר הפסוק, יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם), ואומרים ישימך וכו', יברכך ה' וישמרך וכו', ויש אומרים הפסוק (ישעיה יא-ב) ונחה עליו רוח ה', רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ה' (מובא בספר מעבר יבק).

**רבינו שליט"א** ערך באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א.**

לפני תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** בחברת תהלים של ילדי קהלתנו הק', **רבינו שליט"א** דיבר לפניהם אודות חשיבות התפלה של תינוקות של בית רבן, וביקש מהם לעמוד בעת תפלת שמונה עשרה (הן בשטילע שמו"ע והן בחזרת הש"ץ) ליד אביהם, ולענות קדושה ואמן יהא שמיה רבא בקול רם.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** בהקידושא רבא של בת הר"ר **חיים ישעי' גלויבער** הי"ו (חתן הר"ר גרשון ברייער הי"ו, וומסב"ג), שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי.

# פרשת שמיני י"ד – כ' אדר ב' תשע"ד לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמיני – פורים***

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודת פורים שנית. באמצע הסעודה ירד **רבינו שליט"א** לבית המדרש סאמבאטהעלי, והתפלל תפלת מעריב. לאחר מכן עבר לבית אלמנת הר"ר **אביגדור יאקאבאוויטש** ע"ה, והסיב עם בני המשפחה למשך זמן, כשמנגנים שירות ותשבחות לכבוד היום, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעה עשר נכנס **רבינו שליט"א** לעריכת שלחנו הטהור, שנערכה למשך כארבע שעות, בכיסופין וגעגועין, בשמחה ובחדוה עילאה. **רבינו שליט"א** השמיע מדברות קדשו, בין שיר לשיר ובן פרק לפרק, בהשגחת הבורא בכל דרכי הטבע, ובגודל תשוקת ואהבת כנסת ישראל להקב"ה, לעורר הנקודה הפנימית שבלב, לעבודתו ית"ש. ובמעלת וחשיבות עסק התורה, והמקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. וגודל השפעות שיורדים ביומא דפוריא בבני חיי ומזוני, ועוד (השיחות נדפסו בקונטרס מיוחד).

לאחר ברכת המזון, שר **רבינו שליט"א** הזמר צמאה נפשי לאלקים לא-ל חי, כשכל הקהל עונין אחריו פתקא בפתקא. לעת סיום הזמר, עת כי אפתח פי 'בנשמת כל חי', בשפיכות הלב בבכי ובהתעוררות רב. לאחר שהשמיע דברות קודש לבאר פסוקי דזמרה, 'אהללה ה' בחיי אזמרה לאלקי בעודי', נתגברו הריקודין ושמחה של מצוה לאין ערוך. לעת סיום הטיש, עברו הקהל לקבל כוס של ברכה, ולהתברך בכל מילי דמיטב.

*

***יום שלישי פרשת שמיני***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** בהברית של בן הר"ר **יואל קעלנער** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים בביתו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

*

***יום רביעי פרשת שמיני***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** בהחופה של בת הר"ר **שלמה שאלאמאן** הי"ו (חתן ש"ב הר"ר **פישל באבאד** ע"ה, וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **אלחנן זאב קלאגסבאלד** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת הכתובה.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בהבר מצוה של בן הר"ר **ישראל שטערן** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם שיקס מענאר. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה***

**די** תורה הק' זאגט די וואך אין די פרשה, ולהבדיל בין הקודש ובין החול, ובין הטמא ובין הטהור, ולהורות את בני ישראל את כל החוקים (ויקרא י-י). שטייט אין די מפרשים די המשך פון די פסוקים ולהבדיל בין הטמא ובין הטהור, ולהורות את בני ישראל. אז אויב מען וויל זוכה זיין צו כתרה של תורה, איז דא אסאך הקדמות וואס א מענטש דארף מקדים זיין, כדי אז די תורה וואס ער לערנט, זאל מאכען אויף אים א רושם.

**די** ערשטע זאך, דארף ער האבען א הייליג מויל. כדי די קדושת התורה וואס ער לערנט מיט די מויל, זאל זיך אנקלעבן אין אים. ביי די קדושה פונעם מויל איז דא סור מרע, און עס איז דא עשה טוב. ער דארף זעהן אכט צו געבן, אז די מאכלים וואס ער עסט, זאל זיין אויסגעהאלטן. יעדע מאכל וואס איז נישט כשר, און מען עסט עס, איז עס מטמטם הלב, עס טוט פארשטאפען דאס הארץ, און עס גייט נישט נאכדעם אריין קיין תורה. א מענטש ווערט געטוישט לויט די מאכלים וואס ער עסט. ווייל דער מאכל דאס איז דער מענטש. און טאמער ער עסט מאכלים אסורים, ווערט ער מגושם.

**דער דגל מחנה אפרים** (פ' עקב), ברענגט צו פון זיין זיידען, דער **בעל שם טוב הק'**. אז דער **בעל שם טוב** האט פארציילט, אז מען האט אמאל אנגעפרעגט דעם **רמב"ם** פון א ווייטע מדינה א השקפה שאלה, און דער **רמב"ם** האט געזעהן דעם בריוו, האט דער **רמב"ם** נישט געוואלט ענטפערן אליין דעם בריוו,

נאר ער האט עס געגעבן פאר זיין תלמיד, **רבי שמואל אבן תבון**, אז ער זאל ענטפערן אויפן בריוו. און דער **רמב"ם** האט אים געזאגט, אז ווען ער ליינט אדורך דעם בריוו, זעהט ער, אז די מענטשען וואס האבען עס געשריבען, זענען נישט מקפיד נישט צו עסן מאכלות אסורות, און וועגן דעם האבען זיי אזא פארדרייטע און פארקרימטע קאפ, אז זיי פארשטייען נישט, וואס זיי דארפן צו פארשטיין. מען האט געקענט דערקענען פון א בריוו וואס מען האט געשריבען, אז מען האט נישט אכט געגעבן אויפן עסן. אז א יוד וויל זוכה זיין צו תורה, דארף ער אכט געבן, אז וואס ער עסט זאל זיין אויסגעהאלטן.

**די** זעלבע איז אויך מיטן דיבור וואס א מענטש רעדט ארויס פונעם מויל. מען טאר נישט רעדן קיין דיבורים אסורים, לשון הרע וכדומה. און אפילו מען רעדט נישט א דבר אסור, אבער דאס איידעלקייט ווי אזוי מען רעדט, געפונט מען אויך אין די גמרא, אז עס האט א ווירקונג אויפן מענטש. די גמרא (פסחים ג:) פארציילט, אז עס זענען געווען צוויי תלמידים, וואס איינער האט געפרעגט פארוואס מען איז בוצר בטהרה, און מען איז נישט מוסק 'בטהרה'. און איינער האט געזאגט די לשון 'טמא', פארוואס איז מען מוסק 'בטמא'. זאגט די גמרא, אז דער וואס האט נישט געוואלט ארויסזאגען דיווארט טמא פון מויל, האט זוכה געווען צו ווערן א מורה הוראה בישראל. זעהט מען, אז אויב ער א מענטש געבט זיך אכט אויפן דיבור, האט עס א כח און א השפעה, אויף די תורה וואס ער לערנט, אז ער זאל קענען אויסוואקסען א מורה הוראה בישראל.

**זאגט** די תורה הק', 'ולהבדיל בין הטמא ובין הטהור', ווען א מענטש איז מבדיל צווישן טמא און טהור. ווען עס קומט צו עסן, געבט ער אכט אויף די מאכלים. און אויב עס איז טמא, נעמט ער עס נישט אריין אין מויל. און ווען ער רעדט מיטן מויל, איז ער מבדיל אז ער זאל נישט ארויסזאגען די ווארט 'טמא', נאר ער זאל זאגען אז עס איז 'נישט טהור'. איז 'להורות את בני ישראל', נאכדעם ווען ער וועט זיצען און לערנען, וועט ער קענען צוקומען, אז ער זאל אויסוואקסען א מורה הוראה בישראל.

*

<u>***יום חמישי פרשת שמיני***</u>

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשתתף בהברית של בן הר"ר **שמעון אלי' לעווי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סקולען. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

בשעות הלילה נסע **רבינו שליט"א** לב"פ למסור שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרה"ג רבי **יוסף לעווי** זצ"ל (בעל מחבר ספר **מנהג ישראל תורה**, ב"פ).

<u>***וזה תוכן השיחה***</u>

**רבינו:** די ספרים וואס ער האט ארויסגעגעבן זענען זייער שיין. ער האט געהאלטן ביים ממשיך זיין?

**א' האבלים:** עס איז דא נאך כתבי ידות. ער האט געהאלטן אינמיטן עוסק זיין אין עניני שמות (נעמען). די ספרים וואס ער האט געמאכט, האט ער געמאכט נאך חצות. ער איז אויף געווען גאנצע נעכט. ער איז געווען א עכטע חסידישע יוד, על דרך ישראל סבא. ער האט געלערנט מיט זיין יונגעל ביי אבות ובנים, ווען מען האט יעצט געטוישט אויף די זומער זייגער, האט מען געמאכט א מלוה מלכה פאר די קינדער, און מען האט געטיילט פאר זיי פיצ"א. און ער האט גענומען זיין יונגל מיט די פיצ"א, און ער איז אהיימגעגאנגען. האט מען אים געפרעגט, פארוואס נעמסטו אהיים די פיצ"א. האט ער געזאגט, איך האב געזאגט פאר מיין יונגעל, דעם פיצ"א וועסטו עסן מארגען, נישט פאר מלוה מלכה. מען האט אים געבעטן, אז מען וויל איבערזעצן זיין ספר **מנהג ישראל תורה**, אויף ענגלי"ש. האט ער געזאגט, אויף ענגלי"ש, איז עס שוין נישט קיין מנהג ישראל תורה!

**רבינו:** משה רבינו האט אויך געשריבען די תורה אויף שבעים לשון. אויף דעם מנהג ישראל קען מען אויך טרעפן תורה. דער **רמב"ם** איז געשריבען געווארן אויף לאדאני. אין **שו"ת ערוגת הבשם** (או"ח סימן רי"ד) איז דא א שארפע תשובה, וועגן איבערזעצן דעם עין יעקב אויף אונגאריש. מען

האט נישט געוואלט אז יעדער זאל עס פארשטיין. מען זאל עס נישט אנקוקען אז עס איז אזוי פשוט.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף בהחתונה של בת הרה"ג רבי **שלמה לייפער** שליט"א (וומסב"ג), עב"ג בן הרה"ג רבי **ישעי' רובין** שליט"א, אב"ד קערעסטיר (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל.

*

***ערב שבת קודש פרשת שמיני***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת **לאנדא** ע"ה (אלמנת הר"ר **נפתלי צבי הכהן לאנדא** ע"ה, וומסב"ג).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת האשה הצעירה מרת **מאשקאוויטש** ע"ה (אשת הר"ר **אלי' מאשקאוויטש** הי"ו, בת הר"ר **יעקב שמואל פריילעד** הי"ו, וומסב"ג).

***וזה תוכן השיחה***

**רבינו:** ווען דער **סאטמארער רב** האט פארלוירן זיין טאכטער, די סעמיהאי רעבעצין, האט ער נישט געוויסט פארדעם, אז די מצב איז אזוי ערנסט. עס איז געווען ביי אים א פלוצלונג'דיג זאך, אז זי איז אוועק. און ביים הספד האט ער געזאגט, דוד המלך זאגט אין תהלים (צד-טו), כי עד צדק ישוב משפט. אז דער אייבערשטער וויל ברענגען א משפט אויף א מענטש, מאכט ער עס שנעל, אז מען האט נישט א געלעגענהייט מתפלל צו זיין אויף יענעם, און אזוי פירט ער אויס זיין משפט. די גמרא (ברכות יד.) זאגט אז תפלה ווערט אנגערופן צדק, צדק לפניו יהלך (תהלים פה-יד). כי עד צדק, בעפאר מען געבט א געלעגענהייט צו דאווענען, ישוב משפט, איז אנגעקומען די משפט. ער האט געזאגט אויף זיך, אז ער וואלט געקענט מתפלל זיין, נאר מען האט נישט געגעבן א געלעגנהייט. - אז מען שטערט עס, איז א סימן אז תפלה האט א גרויסע כח, און מען קען אסאך אויפטון מיט תפלה.

די **שיטה מקובצת** (כתובות קד.) שרייבט, אז מען געפונט ביי רבינו הק', אז ער איז נישט געזונט געווען. און מען האט אויסגערופן, אז אויב איינער וועט זאגען מת רבי, ידקור בחרב. אויב רבינו הק' שטארבט, זאל מען נישט פארציילען. פרעגט די **שיטה מקובצת** פארוואס נישט, ער איז דאך שוין געשטארבען. זאגט די **שיטה מקובצת** כדי מען זאל ווייטער מתפלל זיין. אז מען ווייסט אז ער איז געשטארבען, וועט מען מער נישט בעטן. אבער אויב מען וועט נישט וויסען אז ער איז געשטארבען, וועט מען ווייטער מתפלל זיין, און תפלה האט א כח, אפילו צו מאכען לעבעדיג א טויטן. נאר פארוואס העלפט עס נישט, ווייל ער דאווענט נישט ערנסט. ווייל ער ווייסט אז עס קען ממילא נישט פאסירן. אבער אויב מען וועט נישט וויסען אז מת רבי, און מען וועט מיינען אז רבי לעבט, וועט מען מתפלל זיין. און עס איז מעגליך, אז אפילו רבינו הק' איז שוין נסתלק געווארן, אז ער זאל צוריק אויפשטיין.

**א' האבלים:** ווען דער **עצי חיים** איז אוועק, איז זיין זון **רבי זלמן לייב**, אלט געווען פערצן יאר, און ער האט געהאלטן א הספד, און ער האט געברענגט די גמרא (בבא מציעא פו.) אז ווען רבה בר נחמני איז אוועק, האבען זיינע תלמידים, אביי און רבא, נישט געוויסט ווי מען איז אים מספיד. ווען מען האט געזען צפרי דמטללי, אז די פייגלעך מאכען א שאטן, האט מען געוויסט ווי מען איז אים מספיד. האט ער געפרעגט, ווי אזוי איז מעגליך, אז אזעלכע גרויסע תלמידים ווי אביי און רבא האבען געדארפט פרעגן, ווי מען איז אים מספיד? האט ער געזאגט פשט, אז באמת האבען זיי געוויסט ווי ער איז, נאר זיי האבען נישט געוויסט אין וועלכע נקודה מען זאל אים מספיד זיין. נאר ווען זיי האבען געזען ווי די תלמידים, די פייגלעך וואס ער האט ארויסגעגעבן, נעמען אים ארום. דעמאלטס האבען זיי אים מספיד געווען. ווייל די תלמידים ווייסען, ווי אזוי מספיד צו זיין.

אין **סדר הדורות** (שמות המחברים אות ר') שטייט, אז רבה בר נחמני איז געווען דער מסדר פון מדרש רבה, און וועגן דעם הייסט עס מדרש רבה.

**רבינו:** ווי אלט זענען געווען אביי מיט רבא? פערציג יאר, מיט זעכציג יאר. דער וואס האט עוסק געווען אין גמילות חסדים, האט געלעבט מיט צוואנציג יאר לענגער.

*

***שבת קודש פרשת שמיני***

**רבינו שליט"א** ערך באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור החתן **געציל פאלקאוויטש** נ"י (הויז בחור, לקראת שמחת נישואיו בשעטומ"צ).